# דעם רבינ'ס ליכט

שלח (בהעלותך בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 97

## דער ריינער קוואל



**אַײַערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַײַן וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

דִי וָואךְ דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי תּוֹרָה וֶועגְן דִי מְרַגְּלִים אוּן יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן מִיט כָּלֵב וֶועלְכֶע זֶענֶען נִישְׁט גֶעוָוארְן פַארְפִירְט נָאךְ דִי מְרַגְּלִים. לָאמִיר זֶען וָואס דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה הָאט שַׁייכוּת צוּ אוּנְז קִינְדֶער.

עֶס אִיז פַּאר אוּנְז בַּאוואוּסְט פוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן בִּפְרָט אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים דִי מַעְלָה פוּן רָצוֹן, דָאס מֵיינְט בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן פַאר סַיי וֶועלְכֶע סִבָּה עֶס זָאל נָאר זַיין, זָאל מֶען אָבֶּער נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רָצוֹן פוּן וֶועלְן טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם.

צוּם בַּיישְׁפִּיל, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ דַאוֶונֶען אוּן סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אִינְזִין הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער, אָבֶּער אִיךְ ווִיל פָּארְט. נָאךְ אַ בַּיישְׁפִּיל: עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ חָבֵר אָדֶער אַ בְּרוּדֶער אָבֶּער פָּארְט ווִיל אִיךְ. אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ אַ זִיסְן




חָלוֹם, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן בֶּעט, אָבֶּער אִיךְ ווִיל! אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אַלֶע סָארְטְן שְׁוֶועֶרִיקַייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת וָואס מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אֲפִילוּ אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אוֹיספִירְן, ווִיל אִיךְ אָבֶּער עֶס אוֹיספִירְן, אִיךְ ווִיל!!

ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַ מִדְרָשׁ פַארְוָואס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְן לָשׁוֹן 'אֶרֶץ', וַוייל אֶרֶץ אִיז פוּן לָשׁוֹן רָצוֹן – בַּאווִילִיגְן. זָאגְט ר' נָתָן: "דֶער עִיקָּר רָצוֹן צוּ קֶענֶען זַיין נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָארְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ לִיכְטִיגְקַייט פוּן רָצוֹן אוּן כִּסּוּפִים, גְלוּסְטֶענִישׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַ בְּחִינָה פוּן 'רְצִיתָ ה' אַרְצֶךָ'".

דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פַארְהַאן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דִי הֵיילִיגֶע כֵּלִים, דֶער אָרוֹן מִיט דִי לוּחוֹת אוּן כְּרוּבִים, דִי מְנוֹרָה, א.א.וו. אוּן פוּן דָארְט וֶוערְט נִמְשַׁךְ אוֹיף יֶעדְן אִיד דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לְשֵׁם שָׁמַיִם אִיז דָאס גָאר טַייעֶר. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז סְ'אִיז פַארְהַאן זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת קֶען מֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוּן קוּמֶען.

דִי פְּגָם פוּן דִי מְרַגְּלִים אִיז גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דִי מְנִיעוֹת זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי רְצוֹנוֹת, עֶס אִיז דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע רִיזְן אַז סְ'אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ קוּמֶען אַהִין.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ כְּפִירָה אוּן אַ פְּגָם צוּ זָאגְן אַז דִי מְנִיעוֹת זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער פוּן רָצוֹן אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ מִיט אוּנְזֶערֶע רְצוֹנוֹת צוּ בְּרֶעכְן דִי מְנִיעוֹת אוּן אַרַיינְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער גַאנְצֶער קִיוּם פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת אוּן קְדוּשָּׁה קוּמְט נָאר פוּן רְצוֹנוֹת אוּן חֵשֶׁק, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען דָארְט קָרְבָּנוֹת עֶס זָאל בַּאווִילִיגְט וֶוערְן "לִרְצוֹנְכֶם תִּזְבָּחֻהוּ".

המשך אויף זייט 11

## ר' לוי יצחק ז"ל דערציילט

# אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד פְּרַאוֶועט נִסִּים

אִין דִי צַייטְן פוּן חֲתַם סוֹפֵר, אִין פְּרֶעשְׁבּוּרְג, אִיז גֶעוֶוען אַ מִינִיסְטֶער, אַ גְרוֹיסֶער שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל. אֵיין טָאג אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַ גֶעדַאנְק אַז מֶען דַארְף אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף דִי אִידְן גָאר גְרוֹיסֶע שְׁטַייעֶרְן – מַס. דֶער מִינִיסְטֶער אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט זַיינֶע רִשְׁעוּת עֶר הָאט גֶעקֶענְט אָנְטוּן גְרוֹיסֶע צָרוֹת אָנְדֶעם וָואס עֶר זָאל פוּן פְרִיעֶר מוֹדִיעַ פַאר דִי אִידְן אַז עֶר פְּלַאנְט אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן אַ פְרִישֶׁע גְזֵרָה.

עֶר הָאט זִיךְ טַאקֶע גֶעגְרֵייט צוּ אַרוֹיפְלֵייגְן דֶעם שְׁטַייעֶר, אוּן אָפְּגֶערֶעדְט מִיט זַיינֶע יוֹעֲצִים אוּן אוֹיבֶער יוֹעֲצִים אַז דִי אִידְן זָאלְן בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען בֶּעטְן אָפְּצוּשְׁלָאגְן דִי גְזֵרָה אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט קֶענֶען זוּכְן עֵצוֹת, וֶועט עֶר זֵיי פְרֵיי קֶענֶען מַעֲנִישׁ זַיין אוּן אָנְטוּן בִּיטֶערֶע צָרוֹת!

דֶער מִינִיסְטֶער הָאט גֶעהַאט אַ סֶעקְרֶעטַאר – אַ מַזְכִּיר, אַ פַיינֶער מֶענְטְשׁ, כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גּוֹי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן מִינִיסְטֶער; אַזַא מִין שְׁטַייעֶר לֵייגְסְטוּ אַרוֹיף אוֹיף זֵיי?! טוּ זֵיי כָאטְשׁ מוֹדִיעַ זַיין אַ צַייט פְרִיעֶר, זָאלְן זֵיי כָאטְשִׁיג קֶענֶען זוּכְן עֵצוֹת, אוּן זִיךְ קוּמֶען בֶּעטְן בַּיי דִיר, דוּ וֶועסְט טַאקֶע נִישְׁט צוּהֶערְן זֵייעֶר גֶעבֶּעט, אָבֶּער גִיבּ זֵיי כָאטְשׁ דֶעם גֶעפִיל, זֵיי זָאלְן קֶענֶען זִיךְ בֶּעטְן!


א געסל אין פרעשבורג

אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּאשְׁטִימְט אַז דֶער מִינִיסְטֶער וֶועט גִיבְּן פַאר דִי אִידְן אַ צַייט וֶוען מֶען קֶען זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִים, אָבֶּער נָאר צוּ יוֹצֵא זַיין! דָאס פְּלַאץ וואוּ עֶס וֶועט פָארְקוּמֶען דִי אֲסִיפָה וֶועט נִישְׁט זַיין בַּיי זַיין אַרְבֶּעט, נָאר מֶען זָאל קוּמֶען צוּם מִינִיסְטֶער אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, לָאמִיר זָאגְן הַאלְבּ נֵיין אִינְדֶערְפְרִי, אוּן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה דֶערוֹיף, נֵיין אַזֵייגֶער אִיז עֶר שׁוֹין בַּיי דִי אַרְבֶּעט. אַזוֹי וֶועט עֶס זַיין אַ שְׁנֶעלֶע זַאךְ - קוֹים אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, וֶועט עֶס זַיין שְׁנֶעל אוּן גִיךְ, אוּן פַארְטִיג!

דֶער סֶעקְרֶעטַאר הָאט נִישְׁט לַאנְג גֶעוַוארְט, גְלַייךְ הָאט עֶר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פַאר דִי אִידְן "אַזַא מִין גְזֵרָה אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, קוּמְטס בֶּעטְן! קוּמְטס בֶּעטְן אוּן שְׁתַּדְ'לֶען פַאר אֵייעֶרֶע בְּרִידֶער!"

דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם חֲתַם סוֹפֵר, אוּן בֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, אִיר דַארְפְט גֵיין מִיט אוּנְז! אִיר דַארְפְט זַיין דֶער 'רֹאשׁ הַמְדַבְּרִים', אַז דֶער מִינִיסְטֶער וֶועט זֶען אַז אַ רָב אִיז גֶעקוּמֶען וֶועט עֶר אַייךְ נוֹשֵׂא פָּנִים זַיין!"

זָאגְט דֶער חֲתַם סוֹפֵר: "נֵיין, אִיךְ וֶועל נִישְׁט גֵיין!"

"וֶוער דֶען זָאל גֵיין?!" פְרֶעגְט דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל מִיט זָארְג:

"גֵייט אַרַיין אִין שׁוּל אַרַיין. נָאךְ מַעֲרִיב, וֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צִבּוּר - דִי מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן שׁוּל, זָאלְט אִיר נֶעמֶען דֶעם 'אִישׁ פָּשׁוּט' וָואס עֶר אִיז מֶער תְּמִימוּת'דִיג פוּן אַלֶעמֶען, עֶר זָאל זַיין דֶער רֹאשׁ הַמְדַבְּרִים"! אַזוֹי זָאגְט זֵיי דֶער חֲתַם סוֹפֵר.

דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל מִיט זַיינֶע בַּאגְלֵייטֶער קוּקְן אִים אָן מִיט וואוּנְדֶער! אָבֶּער אַז דֶער חֲתַם סוֹפֵר זָאגְט, קֶען מֶען נִישְׁט זִיךְ נִישְׁט טַעֲנֶה'ן אוּן אִיבֶּערְפְרֶעגְן.

נָאךְ מַעֲרִיב, גֵייט דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אַרוֹיס פוּן שׁוּל. אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ אִיד, וָואס מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן "דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ", עֶר הָאט גֶעהֵייסְן 'אַבְרָהָם', פַארְוָואס הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן 'דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ'? וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן מִיט זִיךְ דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ! וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס, עֶפֶּעס אַ שְׁאֵלָה אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוָוארְן, הָאט עֶר שׁוֹין אַפִירְגֶענוּמֶען דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן זִיךְ גֶעפְרֶעגְט מֶעג מֶען?! מֶען

המשך אויף זייט 3

# אײן מעשה'לע

*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*



## דִי אֱמֶת'ע רְפוּאָה

פַּאר אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זִיבְּן יָאר, הָאבּ אִיךְ זַייעֶר גֶעוָואלְט פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיוּן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ גֶעשְׁווִילֶעכְטס אוֹיף מַיינֶע בַּאקְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּארְן. בִּיזְדֶערְוַוייל הָאט מַיין טַאטֶע גֶעמַאכְט פַאר מִיר אַ פַּאסְפָּארְט אוּן גֶעקוֹיפְט אַ קַארְטֶע קַיין אוּמַאן.

אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ אַ צֵיין דָאקְטֶער פַאר מַיינֶע גֶעשְׁוָואלֶענֶע צֵיינֶער, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ 'שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים' אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוּן קֶענֶען פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע גֶעהָאלְפְן אוּן אִיךְ בִּין אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן אוּן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָּארְן צוּם רֶבִּי'נְס צִיוּן אוּן צוּרִיקְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

אִיךְ דַאנְק דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער

**נַחְמָן ב.**

המשך פון זייט 3

טָאר נִישְׁט?! מֶען טָאר נִישְׁט! מֶען מֶעג! דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן 'דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ'!

אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן שׁוּל, עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער תָּמִים, אִיז דֶען פַארְהַאן אַ גְרֶעסֶערֶע 'פְּשִׁיטוּת' ווִי אַזַא סָארְט אִיד?! אַז עֶר גֵייט נָאר מִיטְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ!

אוֹי וֵויי, טְרַאכְט דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל צוּ זִיךְ... אַז דֶער אִיד וֶועט גֵיין צוּם מִינִיסְטֶער, אוּן וֶועט עֶפֶענֶען דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן זִיךְ נֶעמֶען קוּקְן צוּ מֶעג מֶען יָא רֶעדְן, צוּ מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן, וֶוער וֵוייסְט וָואס דָארְט וֶועט פָּארְקוּמֶען?! דֶער מִינִיסְטֶער וֶועט דָאךְ וֶוערְן אִין כַּעַס! אַזַא אֵיינֶעם קְלוֹיבְּט אִיר אוֹיס פַאר מִיר?!

פַארְפַאלְן! עֶס וֶועט מִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן זָאגְט דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל, "דֶער פְּשׁוּטֶ'ער אִיד וֶועט זַיין דֶער רֹאשׁ הַמְדַבֵּר"! אַזוֹי הָאט דֶער חֲתַם סוֹפֶר גֶעזָאגְט. מֶען גֵייט צוּם מִינִיסְטֶער, עֶר אִיז דֶער 'רֹאשׁ הַמְדַבֵּר', קֶען מֶען אָן אִים גָארְנִישְׁט טוּן!

דִי חֶבְרַיָא זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם מִינִיסְטֶער אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז דִי מִשְׁלַחַת זֶענֶען דָא! נוּ, מֶען קוּמְט אַרַיין, דֶער מִינִיסְטֶער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, זִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן, אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט. דִי בַּאדִינֶער בְּרֶענְגֶען אַרַיין קַאוֶוע, מֶען אִיז יֶעדֶעם אֵיינֶעם מְכַבֵּד מִיט אַ קַאוֶוע.

דָא אִיז אַפִילוּ גֶעקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל פְּלַאנְטֶער. אִין קַאוֶוע אִיז דָאךְ דָא מִילְךְ, ווִיאַזוֹי מֶעג מֶען דָאס טְרִינְקֶען?! דֶער פְּשׁוּטֶ'ער אִיד נֶעמְט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ - אוּן רוּפְט אוֹיס: "חָלָב עֲכּוּ"ם, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טְרִינְקֶען!"

דִי מִשְׁלַחַת קָאכְן זִיךְ, "גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, דָאס מֵיינְט דֶען חָלָב עֲכּוּ"ם? דִי קוּ גֶעפִינְט זִיךְ דָאךְ דָא בַּיים מִינִיסְטֶער?! אוּן אַזוֹי שַׁארְף דַארְף מֶען זַיין?! מִיר ווִילְן דָאךְ אִים עֶפֶּעס בֶּעטְן אַ זַאךְ! צוּ מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵירָה אוּן מֶען אִיז אוּנְז מְכַבֵּד מִיט אַ קַאוֶוע, 'טְרִינְקְט עֶר נִישְׁט'!

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מִינִיסְטֶער; 'וַויין' וֵוייס אִיךְ שׁוֹין אַז אִיר ווִילְט נִישְׁט טְרִינְקֶען אוּנְזֶער וַויין! 'מִילְךְ' ווִילְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט?! דָאס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוווּסְט! קוּמְט אִיר אוּנְז בֶּעטְן מִיר זָאלְן אַייךְ טוּן אַ זַאךְ, אַז אֲפִילוּ אוּנְזֶערֶע מִילְךְ ווִילְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט טְרִינְקֶען?! דֶער מִינִיסְטֶער הָאט גֶעשְׁטוּרֶעמְט פוּן כַּעַס אוּן גֶעוָוארְן זַייעֶר אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף דֶעם אִיד, עֶר וָואלְט אִים צוּרִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער!

אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין?!...

המשך אויף זייט 3

הַמְשֵׁךְ פוּן זַייט 3

# ר' לוי יצחק ז"ל דערציילט

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מִינִיסְטֶער: "נוּ, אָבֶער אִיךְ מֶעג דָאךְ יָא טְרוּנְקֶען דִי מִילְךְ, דִי קַאוֶוע!" עֶר נֶעמְט טַאקֶע זִיךְ טְרוּנְקֶען דִי קַאוֶוע, אוּן עֶס וֶוערְט אִים נִישְׁט גוּט!! רוּפְט עֶר זָאפָּארְט אַרַיין דֶעם קָאכֶער, אוּן פְרֶעגְט אִים מִיט צָארְן אִין דִי אוֹיגְן: "וָואס אִיז דָאס?!"



זָאגְט אִים דֶער קָאכֶער: "הַיינְטִיגֶער טָאג הָאט דִי קוּ גֶעבּוֹירְן אַ 'קַאלְבּ', אוּן אַזַא טָאג טוֹיג נִישְׁט דִי מִילְךְ, הָאט עֶר גֶענוּמֶען מִילְךְ פוּן אַ חֲזִיר!!"

דֶער מִינִיסְטֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין צוּקָאכְט, אוּן וֶוענְדְט זִיךְ צוּם דֶעם פְּשׁוּטָ'ן אִיד: "אָה, הָאסְטוּ פּוּנְקְט צוּגֶעטְרָאפְן, אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרִינְקֶען פוּן דִי מִילְךְ, אִין דֶעם טָאג וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט 'חֲזִיר מִילְךְ' הָאט אִיר דִי מִילְךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרוּנְקֶען!"

עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק נִתְפָּעל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם נֵס, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אִיךְ בִּין אַייךְ מוֹחֵל דִי שְׁטַייעֶר! נָאךְ אֵיידֶער אִיר הָאט עֶפֶּעס גֶעבֶּעטְן פוּן מִיר הָאט אִיר פּוּנְקְט צוּגֶעטְרָאפְן אַז דִי מִילְךְ אִיז גָאר חֲזִיר!" אִיצְטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אַייעֶר גָאט פִירְט דָא עֶפֶּעס אַ זַאךְ! אַז מִילְךְ אִיז אוֹיךְ אַ זַאךְ!

עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שִׂמְחָה רַבָּה אִין דִי לוּפְטְן! מֶען גֵייט צוּם חֲתַם סוֹפֵר, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אִים מִיט אַ שִׂמְחָה רַבָּה פוּנֶעם גְרוֹיסְן נֵס. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל; 'רֶבִּי, אָבֶער שֶׁענֶער וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען דֶער נֵס וָואלְט גֶעשֶׁען דוּרְךְ אַייךְ, דֶער רֶבִּי אַלֵיין זָאל וֶוען קוּמֶען! זָאגְט דֶער חֲתַם סוֹפֵר; "נֵיין, אַז אִיךְ גֵיי - וָואלְט אִיךְ יָא גֶעהֵייסְן טְרוּנְקֶען דִי קַאוֶוע, אוֹיף אַזַא מַצָּב פוּן פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ!"

"קֵיין נִסִּים וָואלְגֶערְן זִיךְ נִישְׁט, נָאר דוּרְךְ אַזַא 'אִישׁ פָּשׁוּט' הָאט מֶען אוֹיבְן גֶעטוּן דֶעם נֵס!" הָאט דֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעזָאגְט: "נִסִּים אוֹיבְן וָואלְגֶערְן זִיךְ נִישְׁט, נִישְׁט אַזוֹי גִיךְ טוּט מֶען אוֹיבְן אַ נֵס, דוּרְךְ אַזַא תְּמִימוּת'דִיגְן אִידְן הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּהְן דֶעם נֵס!".

נָאר דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער כֹּחַ פוּנֶעם חֲתַם סוֹפֵר, אַז עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט צוּ אוֹיסְקְלוֹיבְּן דֶעם אִידְן - וָואוּ אִיז דָא אַ גְרֶעסֶער תָּמִים וִוי עֶר אִיז?! עֶר רִירְט זִיךְ נִישְׁט אָנֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ!

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שֶׁענְקְט מַתָּנוֹת, אָבֶער נִישְׁט אַז עֶס וָואלְגֶערְט זִיךְ אַזוֹי מַתָּנוֹת! דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, אָבֶער אִיךְ דַארְף דָאךְ וֶועלְן דִי מַתָּנָה! אַ מַתָּנָה פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן - דַארְף אִיךְ דָאךְ וֶועלְן דִי מַתָּנָה!

פוּן וַואנֶעט וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ ווִיל? אַז אִיךְ בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ, אוּן אִיךְ הִיט זִיךְ טַאקֶע, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ, אוּן מֶען רֶעדְט מִיט חֲבֵרִים, אַז מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דֶערְפוּן! אִיז אַ סִימָן אַז אִיךְ ווִיל דָאס הָאבְּן, נָאר דוּ הָאסְט נִישְׁט בְּכֹחַ אַלֵיין - שֶׁענְקְט מֶען דִיר אַ מַתָּנָה פוּן אוֹיבְן!

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט'ן דִבּוּר, אַז אִיךְ טוּ טַאקֶע וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט פוּן מִיר, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, הֶעלְפְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, "אִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ הָיָה נוֹפֵל בְּיָדוֹ" וָואלְט עֶר טַאקֶע גֶעפַאלְן!

נוּ, אִין אַזֶעלְכֶע זוּמֶער טֶעג, מוּז מֶען טַאקֶע בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן טוּן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס מִיר קֶענֶען אוּן דָאס אִיבֶּערִיגֶע וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז הֶעלְפְן!

דִי מַעֲשֶׂה הָאט הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זי"ע גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט פוּנֶעם "חֲתַם סוֹפֵר'ס אַ תַּלְמִיד".

# דֶער מֶלֶךְ און דֶער קֵייזֶער

## ~1~




מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ קֵיסָר. דֶער קֵיסָר הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גֶעהַאט, וִוידֶער אִיז גִיוֶוען אֵיין מֶלֶךְ דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. הָאט זִיךְ דֶער קֵיסָר גִילָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל זוּכִין טָאמֶער וֶועט עֶר גִיפִינֶען עֶפֶּעס אֵיין עֵצָה אָדֶער אַ רְפוּאָה עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער, דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִילָאזְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף אֵיין הַארְבֶּערִיג, אוּן הָאבִּין נִיט גְוואוּסְט אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערִין. הָאט דֶער קֵיסָר דֶער קֶענְט דֶעם מֶלֶךְ אַז עֶר הָאט אֵיין נִימוּס פוּן אֵיין מַלְכוּת, אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט, הָאט עֶר אִים מוֹדֶה גִיוֶוען אַז עֶר אִיז אֵיין מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט דֶעם קֵיסָר אוֹיךְ דֶער קֶענְט אַז עֶר הָאט אַ נִימוּס מַלְכוּת, הָאט עֶר אִים אוֹיךְ מוֹדֶה גִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי פָארִין פוּן קִינְדֶער וֶועגִין. הָאבִּין זֵיי צְוִוישְׁן זִיךְ גִימַאכְט, בְּאִם אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אַהֵיים אוּן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער וֶועלִין הָאבִּין אֵיינֶע אַ זָכָר אוּן אֵיינֶע אַ נְקֵיבָה זָאלִין זֵיי זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין. אִיז גִיפָארִין דֶער קֵיסָר אַהֵיים אוּן הָאט גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער, אוּן דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיפָארִין אַהֵיים אוּן הָאט גִיהַאט אַ זוּן, אוּן דֶער שִׁידוּךְ אִיז פוּן זֵיי פַאר גֶעסְן גִיוָוארִין.

הָאט דֶער קֵיסָר גִישִׁיקְט זַיין טָאכְטֶער לֶערְנֶען, דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ גִישִׁיקְט זַיין זוּן לֶערְנֶען, זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע אָן גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְלַמֵד אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט הָאבִּין זֵיי צְוִוישְׁן זִיךְ גִימַאכְט אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נֶעמֶען. הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִינוּמֶען אַ פִינְגֶערִיל אוּן הָאט אִיר אַרוֹיף גִיטָאן אוֹיף דֶער הַאנְד, הָאבִּין זֵיי זִיךְ מִתְחַתֵּן גִיוֶוען. נָאךְ דֶעם הָאט גִישִׁיקְט דֶער קֵיסָר נָאךְ זַיין טָאכְטֶער אוּן הָאט זִי גִיבְּרַאכְט אַהֵיים, דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט נָאךְ זַיין זוּהן אוּן הָאט אִיהם אוֹיךְ גִיבְּרַאכְט צוּ זִיךְ אַהֵיים.

אוּן מֶען הָאט גִירֶעט שִׁידוּכִים דֶעם קֵיסָר'ס טָאכְטֶער, אוּן זִי הָאט נִיט גִיוָואלְט קֵיין שׁוּם שִׁידוּךְ מַחְמַת דֶעם הִתְקַשְׁרוּת וָואס זִי הָאט גִימַאכְט מִיט דֶעם בֶּן מֶלֶךְ. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִיר. אוּן דִי בַּת קֵיסָר אִיז אוֹיךְ תָּמִיד טְרוֹיעֶרִיג גִיוֶוען. אוּן דֶער קֵיסָר הָאט זִי גִיפִירְט אִין זַיינֶע הֵייף אוּן אִין זַיינֶע פַּאלַאצְן אוּן הָאט אִיר גִיוִויזִין אִיר גְדוּלָה אוּן זִי אִיז אַלְץ גִיוֶוען טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִיר בִּיז עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוָוארִין, אוּן וָואס מֶען הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וָואס בִּיסְטוּ קְרַאנְק הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט זָאגִין. הָאט מֶען גִיזָאגְט צוּ דֶעם וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט טָאמֶער וֶועסְטוּ קֶענֶען בַּיי אִים דֶער קְלֶערִין. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ וֵוייס, וָוארִין דֶער וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט אִיז גִיוֶוען מִיט אִים דָארְט וִוי עֶר הָאט גִילֶערְנְט. הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט (כְּלוֹמֶר דֶער בַּאדִינֶער הָאט גִיזָאגְט זֵיי פַאר וָואס עֶר אִיז קְרַאנְק).

הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין לַאנְג מְשַׁדֵךְ גִיוֶועןמִיט דֶעם קֵיסָר. און אִיז גִיגַאנְגֶען און הָאט גִישְׁרִיבְּן צוּם קֵיסָר אַז עֶר זָאל זִיךְ רֶעכְטִין אוֹיף דֶער חַתוּנָה, וָוארִין דֶער שִׁידוּךְ אִיז דָאךְ שׁוֹין לַאנְג גִיוֶוען כַּנַ״ל. דֶער קֵיסָר הָאט אָבֶּער שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט דֶעם שִׁידוּךְ. לוּשְׁמִיר עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט אִים מֵעִיז זַיין. הָאט אִים דֶער קֵיסָר אָפּ גִישְׁרִיבְּן אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל שִׁיקְן זַיין זוּן צוּ אִים כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען פִירִין לֶענְדֶער וֶועט עֶר אִים גֶעבִּין זַיין טָאכְטֶער. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט דֶעם זוּן צוּ אִים הָאט אִים דֶער קֵיסָר אַנִידֶער גִיזֶעצְט אִין אֵיין חֵדֶר. און הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין פַּאפִּירְן פוּן זַאכִין פוּן דֶער מְדִינָה כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען פִירִין דִי מְדִינָה.

דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט זִי צוּ זֶעהְן עֶר הָאט זִי אָבֶּער נִיט גִיקֶענְט זֶעהְן. אַמָאל אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען לֶעבִּין אֵיין וַואנְט פוּן שְׁפִּיגְל הָאט עֶר זִי דֶער זֶעהְן אִיז עֶר גִיבְּלִיבְּן חֲלָשׁוֹת. אִיז זִי גִיקוּמֶען צוּ אִים און הָאט אִים דֶערְמִינְטֶערְט. און הָאט אִים גִיזָאגְט אַז זִי ווִיל נִיט קֵיין שׁוּם שִׁידוּךְ מַחְמַת דָאס הִתְקַשְׁרוּת וָואס זִי הָאט שׁוֹין מִיט אִים גִיהַאט. הָאט עֶר צוּ אִיר גִיזָאגְט. וָואס טוּט מֶען דַיין פָּאטֶער ווִיל אָבֶּער נִיט הָאט זִי גִיזָאגְט פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט הַאלְט זִיא זִיךְ נָאר אִין אִים. נָאךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי אֵיין עֵצָה גִיהַאלְטְן זֵיי וֶועלִין זִיךְ אַוֶועק לָאזִין אוֹיף דֶעם יַם. און הָאבִּין זִיךְ גִידוּנְגֶען אֵיין שִׁיף און הָאבִּין זִיךְ אַוֶועק גִילָאזְט אוֹיף דֶעם יַם.

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. נָאךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי גִיוָואלְט צוּ קוּמֶען צוּ אַ בָּארְטִין זֶענֶען זֵיי גִיקוּמֶען צוּם בָּארְטְן אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ וַואלְד זֶענֶען זֵיי אַהִין גִיגַאנְגֶען. הָאט דִי בַּת קֵיסָר גִינוּמֶען דָאס פִּינְגֶערִיל און הָאט אִים גִיגֶעבִּין און זִי הָאט זִיךְ גִילֵייגְט שְׁלָאפִין. נָאךְ דֶעם הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גִיזֶעהְן אַז זִי וֶועט שׁוֹין וַוייטֶער אוֹיף שְׁטֵיין הָאט עֶר אַנִידֶער גִילֵייגְט דָאס פִּינְגֶערִיל לֶעבִּין אִיר. דֶער נָאךְ זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער שִׁיף.

דֶערְוַוייל הָאט זִי זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז זֵיי הָאבִּין פַארְגֶעסִין דָאס פִּינְגֶערִיל דָארְט. הָאט זִי אִים גִישִׁיקְט נָאךְ דֶעם פִּינְגֶערִיל. אִיז עֶר אַהִין גִיגַאנְגֶען, הָאט עֶר נִיט גִיקֶענְט גִיפִינֶען דָאס אָרְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער און הָאט וַוייטֶער נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען דָאס פִּינְגֶערִיל. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זוּכִין דָאס פִּינְגֶערִיל פוּן אֵיין אָרְט צוּם אַנְדֶערִין בִּיז עֶר אִיז פַארְעֶרְט גִיוָוארִין. און הָאט זִיךְ שׁוֹין נִיט גִיקָאנְט אוּם קֶערִין אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אִים זוּכִין. אִיז זִי אוֹיךְ פַארְעֶרְט גִיוָוארִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען און הָאט גִיבְּלָאנְזֶעט און הָאט אַלְץ וַוייטֶער גִיבְּלָאנְזְעט. נָאךְ דֶעם הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אֵיין וֶועג אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין יִשׁוּב אַרַיין און עֶר הָאט נִיט גִיהַאט וָואס צוּ טוּן אִיז עֶר גִיוָוארִין אַ מְשָׁרֵת. און זִי אִיז אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען און הָאט גִיבְּלָאנְזֶעט. הָאט זִי זִיךְ מְיַשֵׁב גִיוֶוען זִי וֶועט זִיךְ אַנִידֶער זֶעצִין בַּיי דֶעם יַם אִיז זִי גִיגַאנְגֶען צוּם בָּארְטְן פוּן דֶעם יַם. און דָארְט אִיז גִיוֶוען בֵּיימֶער פוּן פֵּירוֹת. אִיז זִי דָארְט גִיזֶעסְן. און בַּיי טָאג פְלֶעגְט זִי אוּם גֵיין בַּאם יַם. טָאמֶער וֶועט זִי גִיפִינֶען עֶמִיצְן און זִי הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גִיוֶוען פוּן דִי פֵּירוֹת. און בַּאנַאכְט פְלֶעגְט זִי אַרוֹיף גֵיין אוֹיף אַ בּוֹים כְּדֵי זִי זָאל זַיין אָפּ גִיהִיט פוּן דִי חַיוֹת.

וַיְהִי הַיוֹם און עֶס אִיז גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער סוֹחֵר זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסֶער סוֹחֵר עֶר הָאט גִיהַאט מַשָׂא וּמַתָּן אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, און עֶר הָאט גִיהַאט אֵיין בֶּן יָחִיד. דֶער סוֹחֵר אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אַלְט. אַמָאל הָאט גִיזָאגְט דֶער זוּן צוּם פָּאטֶער בַּאֲשֶׁר דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַלְט. און אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג און דַיינֶע נֶאֱמָנִים גֶעבִּין אוֹיף מִיר גָאר קֵיין הַשְׁגָחָה נִיט. וָואס וֶועט זַיין דוּ וֶועסְט שְׁטַארְבִּין און אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אַלֵיין וֶועל אִיךְ גָאר נִיט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן. בְּכֵן גִיבּ מִיר אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה וֶועל אִיךְ גֵיין אוֹיף דֶעם יַם כְּדֵי אִיךְ זָאל גִינִיט וֶוערִין אִין מַשָׂא וּמַתָּן. הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גִיגֶעבִּין אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה. און עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אִין מְדִינוֹת און הָאט פַאר קוֹיפְט דִי סְחוֹרָה און הָאט גִיקוֹיפְט אַנְדֶערֶע סְחוֹרָה און הָאט

זייער מַצְלִיחַ גִיוָוען.

דֶערְוַוייל ווי עֶר אִיז גִיוָוען אוֹיף דֶעם יַם הָאט עֶר דֶערזֶעהְן דִי בֵּיימֶער וָואס דִי בַּת קֵיסָר אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. הָאבְּן זֵיי גִימֵיינְט דָאס אִיז אֵיין יִשׁוּב. הָאבִּין זֵיי גִיוָאלְט אַהִין צוּ גֵיין. ווי זֵיי זֶענֶען נָאהֶנְט גִיקוּמֶען הָאבֶּען זֵיי דֶער זֶעהְן אַז דָאס אִיז בֵּיימֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִיוָואלְט אוּם קֶערִין. דֶערְוַוייל הָאט דֶער בֶּן הַסוֹחֵר אֵיין קוּק גִיטָאן אִין יַם אַרַיין הָאט עֶר דָארְט גִיזֶעהֶן אֵין בּוֹים אוּן אוֹיבִין זִיצְט אַזוֹי ווי אַ מֶענְטְשׁ הָאט עֶר זִיךְ גִיטְרַאכְט טָאמֶער אִיז עֶר זִיךְ טוֹעֶה. הָאט עֶר גִיזָאגְט דִי אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט גִיוָוען. הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גִיטָאן הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיזֶעהְן ווי אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶעם בּוֹים. הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוָוען זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַהִין צוּ שְׁפַּיירִין, הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט אֵיינֶעם מִיט אַ קְלֵיין שִׁיפְל אוּן זֵי הָאבֶּען גִיקוּקְט אִין יַם אַרַיין כְּדֵי מֶען זָאל דֶעם שָׁלִיחַ ווייזִין עֶר זָאל קֶענֶען טְרֶעפִין צוּם בּוֹים אִיז דֶער שָׁלִיחַ אַהִין גִיגַאנְגֶען הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז דָארְט זִיצְט אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט.

אִיז עֶר אַלֵיין אַהִין גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ דֶער בֶּן הַסוֹחֵר) הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי זִיצְט דָארְט (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסָר כַּנַ"ל) הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט אַז זִי זָאל אַרָאפּ גֵיין. הָאט זִיא אִים גִיזָאגְט אַז זִי וויל נִיט אַרַיין גֵיין אִין דֶער שִׁיף בִּיז עֶר זָאל אִיר צוּ זָאגִין אַז עֶר זָאל זִי נִיט אָן רִירִין בִּיז עֶר וֶועט קוּמֶען אַהֵיים אוּן וֶועט מִיט אִיר חַתוּנָה הָאבִּין כְּדַת הָאט עֶר אִיר צוּ גִיזָאגְט אִיז זִיא צוּ אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶער שִׁיף. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי קֶען שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי זֶמֶר אוּן קֶען רֶעדִין כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת. הָאט עֶר זִיךְ גִיפְרֵייט וָואס זִיא הָאט זִיךְ אִים מִזְדַמֵן גִיוָוען.

נָאךְ דֶעם אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אָן גֶהוֹיבְּן נָאנְט צוּ קוּמֶען צוּ זַיין שְׁטוֹב הָאט זִי צוּ אִים גִיזָאגְט דֶער יוֹשֶׁר אִיז אַז עֶר זָאל גֵיין אַהֵיים אוּן זָאל מוֹדִיעַ זַיין, זַיין פָּאטֶער אוּן זַיינֶע קְרוֹבִים אוּן גוּטֶע פְּרַיינְד בַּאֲשֶׁר עֶר פִירְט אַזוֹ אֵיין אִשָּׁה חֲשׁוּבָה זָאלִין זֵיי אַלֶע אִיר גֵיין אַקֶעגִין אוּן דֶער נָאךְ וֶועט עֶר ווִיסְן וֶוער זִיא אִיז (וָוארִין פְּרִיר הָאט זִיא אוֹיךְ מִיט אִים אַ תְּנַאי אוֹיס גִינוּמֶען אַז עֶר זָאל זִיא נִיט פְרֶעגִין וֶוער זִי אִיז בִּיז נָאךְ דֶער חַתוּנָה דֶעמוֹלְט וֶועט עֶר ווִיסִין וֶוער זִיא אִיז) הָאט עֶר דְרוֹף מַסְכִּים גִיוָוען ווִידֶער הָאט זִיא אִים גִיזָאגְט דֶער יוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט אָן שִׁיכְּר'ן אַלֶע מַאטְרָאסְן וָואס פִירִין דִי שִׁיף לָאזִין זֵיי ווִיסְן אַז זַייעֶר סוֹחֵר הָאט חַתוּנָה מִיט אַזוֹי אֵיין אִשָּׁה הָאט עֶר זִי גִיפָּאלְגְט.

אוּן הָאט גִינוּמֶען זַייעֶר גוּטְן ווַיין. וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶער שִׁיף אוּן הָאט זֵיי גִיגֶעבִין, זֶענֶען זֵיי זַייעֶר שִׁיכּוֹר גִיוָוארִין אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אַהֵיים עֶר זָאל מוֹדִיעַ זַיין דֶעם פָּאטֶער מִיט דִי פְרַיינְד. אוּן דִי מַאטְרָאסִין הָאבִּין זִיךְ פַאר'שִׁיכֶּר'ט אוּן זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶער שִׁיף אוּן זֶענֶען אַנִידֶער גִיפַאלִין שִׁיכֶּר.

דֶערְוַוייל ווי זֵיי הָאבִּין זִיךְ אָן גִיגְרֵייט צוּ גֵיין אִיר אַקֶעגִין מִיט דֶער גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה דֶערְוַוייל אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אָפּ גִיבּוּנְדְן דִי שִׁיף פוּן דֶעם בָּארְטִין אוּן הָאט צוּ לָאזְט דִי לַאווִינְטְן אוּן אִיז אַוֶועק מִיט דֶער שִׁיף אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער שִׁיף אוּן הָאבְּן קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען. אִיז דֶער סוֹחֵר זַייעֶר בְּרוֹגֶז גֶוועןְ אוֹיף דֶעם זוּן. אוּן דֶער זוּן שְׁרַייט גְלֵייבְּט מִיר אִיךְ הָאבּ גִיבְּרַאכְט אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה וְכוּ' כַּנַ"ל. אוּן זֵיי זֶעהְן גָאר נִיט. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט פְרֶעג דִיר דִי מַאטְרָאסִין אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זֵיי פְרֶעגִין אוּן זֵיי לִיגִין שִׁיכּוֹר. נָאךְ דֶעם זֶענֶען זֵיי אוֹיף גִישְׁטַאנֶען דִי מַאטְרָאסְן. הָאט מֶען זֵיי גִיפְרֶעגְט אוּן זֵיי ווייסִין גָאר נִיט וָואס מִיט זֵיי הָאט זִיךְ גִיטָאן נָאר זֵיי ווייסְן אַז מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט אַ שִׁיף מִיט דֶעם אַלִימֶען אוּן ווייסְן נִיט ווי דִי אִיז. אִיז דֶער סוֹחֵר זַייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוָוארְן אוֹיף זַיין זוּן אוּן הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן פוּן זַיין שְׁטוּבּ אַז עֶר זָאל אוֹיף זַיינֶע אוֹיגִין נִיט קוּמֶען. אִיז דֶער זוּן אַוֶועק נָע וְנָד. אוּן זִי (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסָר) אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם.

מוֹישִׁי אִיז צֶעמִישְׁט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ עֶר הַאלְט. יֶעדְן טָאג נֶעמְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַ זַייטִיגֶער שִׁיעוּר, אֵיין טָאג מַאכְט עֶר אָפּ, "אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען צֶען פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת!" מָארְגְן טְרַאכְט עֶר, "נֵיין, אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא", אִיבֶּער מָארְגְן "אִיךְ וִויל עֶנְדִיגְן דֶעם חֹדֶשׁ דֶעם גַאנְצְן סֵפֶר הַמִּדּוֹת א.א.וו."

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם. קוֹדֶם וֵוייסְן מִיר אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַלֵיין מִיט דֶעם שְׁוַואכְקֵייט, גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג!

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ טַאקֶע פִירְן אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע לִמּוּדִים אוּן סְדָרִים וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֶערִירְט פוּן אֵיין זַאךְ אָדֶער פוּן אֵיין וֶועג צוּם צְוֵוייטְן, נָאר אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר זִיךְ פֶעסְט גֶעהַאלְטְן מִיט זַיין נֵייעֶם סֵדֶר.

סְ'אִיז פַארְהַאן אַ יֵצֶר הָרָע, אַז וֶוען אַ אִינְגְל אָדֶער אַ בָּחוּר מַאכְט זִיךְ אַ שְׁטִיקְל סֵדֶר, אַ קְבִיעוּת אִין לֶערְנֶען אָדֶער דַאוֶוענֶען, קוּמְט דֶער בַּעַל דָּבָר פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ! אוּן זָאגְט: "נֵיין, מַאךְ אַן אַנְדֶער וֶועג, סְ'וֶועט אֶפְשָׁר זַיין בֶּעסֶער!". דַארְף מֶען זִיךְ אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען: "נֵיין! דֶעם דֶרֶךְ וִויל אִיךְ, דָאס וִויל אִיךְ! זָאג מִיר נִישְׁט אַז יֶענְץ אִיז בֶּעסֶער!".

**אֶפְשָׁר אִיז מִיר טַאקֶע יֶעצְט עֶפֶּעס אַיינְגֶעפַאלְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ נֵייעֶם וֶועג?!**

דֶער תִּירוּץ אִיז אַז דֶער 'נַייעֶר אַיינְפַאל' אִיז




נָאר אַ
מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר! עֶר וִויל מִיר אָפְּקְלַאפְּן פוּן דֶעם וֶועג, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר אִים זָאגְן אַז יֶענֶער וֶועג טוֹיג אוֹיךְ נִישְׁט!

אוֹיבּ דוּ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ קְבִיעוּת, פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, הַאלְט זִיךְ אִין דֶעם וֶועג! הַאלְט זִיךְ אָן אַ שְׁטִיקְל צַייט מִיט דֶעם, וֶוען דוּ וֶועסְט וֶוערְן שְׁטַארְק אִין דֶעם זַאךְ, קֶענְסְטוּ נָאכְדֶעם אַבִּיסְל אַרוּמְטוּישְׁן!

דֶער בַּעַל דָּבָר הָאט זֵייעֶר פַיינְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ קְבִיעוּת, עֶר וֶועט צוּלָאזְן אַז אַ אִינְגְל זָאל זִיךְ אֵיין טָאג אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען אִיבֶּער זַיינֶע כּוֹחוֹת מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער מָארְגְן זָאל עֶר גָארְנִישְׁט טוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם! דַארְף אִיךְ זָאגְן: "נֵיין, הַיינְט לֶערְן אַ מִשְׁנָה/פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אוּן מָארְגְן אוֹיךְ אַ מִשְׁנָה/פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת", אוּן כְּסֵדֶר גֵיין אוֹיף דֶעם קְבִיעוּת!

קֶענְסְט לֶערְנֶען קִצּוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא, דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים. וָואסְפַאַרַא קְבִיעוּת דוּ מַאכְסְט, זָאל זַיין בַּיי דִיר אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג! תְּהִלִּים, תְּפִלּוֹת, הִתְבּוֹדְדוּת, הָאבּ אַ קְבִיעוּת!

דִי 'קְבִיעוּת' הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חֲשִׁיבוּת בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן!



**המשך קומעדיגער עמוד**




אַ מֶענְטְש הָאט אַ קְבִיעוּת אוֹיף אַלֶע זַאכְן, 'עֶסְן', 'טְרִינְקֶען', 'שְׁלָאפְן', אִיז הָאבּ אַ קְבִיעוּת אוֹיף לֶערְנֶען אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיךְ! אוֹיבּ בִּיסְטוּ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט מַצְלִיחַ, נֶעם כָאטְש אֵיין קְלֵיינְטְשִׁיגֶע קְבִיעוּת וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ יָא הַאלְטְן מִיט דֶעם!

(שיחות מרלו"י ז"ל איבערגעארבעט פארן אינגן דור).

## די צווייטע מעשה - דער מלך און דער קיסר (1)

**א. האבן דער מלך און דער קיסר געהאט קינדער?**
- ❑ דער מלך האט געהאט קינדער און דער קיסר נישט
- ❑ דער קיסר האט געהאט קינדער און דער מלך נישט
- ❑ביידע האבן נישט געהאט קינדער

**ב. וואו האבן זיך געטראפן דער מלך און דער קיסר?**
- ❑ אין דעם קענעגליכע פאלאץ פון דעם מלך
- ❑ אין דעם קענעגליכע פאלאץ פון דעם קיסר
- ❑ אין איין גאסטהויז (הארבעריג)

**ג. האבן זיי געוואוסט איינער פון דעם אנדערן?**
- ❑ יא
- ❑ ניין.
- ❑ נאר דער קעניג האט געוואוסט פון דעם קיסר.

**ד. וואס האבן זיי צווישן זיך אפגעמאכט?**
- ❑ אז אויב זיי וועלן האבן איינער א זון און איינער א טאכטער וועלן זיי זיך משדך זיין
- ❑ אז עס וועט זיין שלום צווישן זייערע מדינות
- ❑ אז זיי וועלן ווערן איין מדינה מיט איין קעניג

**ה. וואו האבן זיך געטראפן דער זון פון מלך און די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ אין איין גאסטהויז (הארבעריג)
- ❑ זיי האבן געוואוינט בשכנות.
- ❑ ביי איין מלמד

**ו. וואס האבן זיי צווישן זיך אפגעמאכט?**
- ❑ אז זיי וועלן זיך קיינמאל נישט קריגן
- ❑ אז זיי וועלן חתונה האבן
- ❑ אז זייערע קינדער וועלן זיך משדך זיין

**ז. פארוואס האט די בת קיסר נישט געוואלט קיין שום שידוך?**
- ❑ ווייל זי האט געוואלט נאר דער זון פון דעם גרעסטן קעניג
- ❑ ווייל זי האט געוואלט נאר דער זון פון דעם גרעסטן עושר
- ❑ וועגן די התקשרות מיט דעם בן מלך

**ח. מיט וואס זענען געפארן דער בן המלך און די בת הקיסר?**
- ❑ מיט א פערד און וואגן
- ❑ אויף איר טאטעס שיף
- ❑ זיי האבן זיך געדונגען א שיף

**ט. וואו האט די בת הקיסר פארגעסן דאס פינגערל (רינגל)?**
- ❑ אין איר שטוב פאר זי איז ארויס
- ❑ אויפ'ן שיף
- ❑ אין וואלד וואו זי איז געשלאפן

**י. ווער האט געטראפן די פינגערל (רינגל)?**
- ❑ דער בן המלך
- ❑ די בת הקיסר
- ❑ קיינער נישט

**יא. וואס האט פאסירט צו דער בן המלך און די בת קיסר?**
- ❑ זיי זענען ווייטער געגאנגען
- ❑ זיי האבן צוזאמען פארבלאנדזעט
- ❑ זיי האבן פארבלאנדזעט יעדער באזונדער

**יב. וואס איז דער בן המלך נאכדעם געווארן?**
- ❑ א מלך
- ❑ א יעדנירלאר
- ❑ א משרת

**יג. וואס האט דער אלטער סוחר געגעבן פאר זיין זון?**
- ❑ געלד, גענוג פאר זיין גאנצע לעבן
- ❑ א שיף מיט סחורה
- ❑ אסאך בנינים

**יד. וואס האט דער סוחר געבעטן פון די בת קיסר ווען איז געווען אויפ'ן בוים?**
- ❑ אז זי זאל אראפ גיין
- ❑ אז זי זאל בלייבן אויבן
- ❑ אז זי זאל אים ווייזן די וועג

**טו. וואס האט די בת קיסר געטון ווען דער סוחר איז געגאנגען צו זיין טאטע?**
- ❑ זי האט געגעבן פון די ווין פאר די מאטראסן
- ❑ זי האט אויפגעבינדן די שיף פון דעם בארטן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס האט דער סוחר געטון פאר זיין זון ווען ער האט געזען אז די שיף איז נישט דא?**
- ❑ ער האט אים געגעבן א אנדערע שיף
- ❑ ער האט געשריגן אויף אים
- ❑ ער האט אים פארטריבן פון זיין שטוב

צו ענטפערן די בחינות און ארייננגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

646-518-1095 1-518-329-9149

# א פאטש געכאפט
# און ווייטער אלעס קלאפט

[די מעשה איז געאייגנט פאר פרויען]

פארגאנגענעם יום טוב שבועות איז ליידער נפטר געווארן הרבנית החשובה מרת חיה יוכבד רוזנפעלד ע"ה - די אינגסטע טאכטער פון הרה"ח רבי שמואל הורוביץ זי"ע. זי איז געווען א א בריק פון די אמאליגע ברסלב'ע פרויען צו לערנען דעם היינטיגן דור דאס שיינקייט און ארגינעלקייט פון ברסלב'ע חסידות פון פריערדיגן דור. ביי איר האט מען געקענט זען די תמימות און פשיטות וואס דער רבי פארלאנגט פון אונז.

עס איז דא אסאך צו שרייבן און זיך לערנען פון די חשוב'ע רעבעצין מיר וועלן נאר דערציילן איין עפיזאד וואס לערנט אונז פון אירע גוטע מידות און מיר קענען פון דעם זיך אפלערנען ווי אזוי זיך צו באגיין בין אדם לחבירו.

רעבעצין רוזנפעלד ע"ה פלעגט אנפירן קביצות פאר פרויען צו פארן קיין אומאן. דאס איז געווען אין די יארן ווען אומאן האט זיך געעפנט, די קאמעניסטן האבן נאך געהערשט דארט, עס זענען געווען גאר שווערע נסיעות, די הכנות דערצו די דאקומענטן מיט די וויזעס און בכלל די וועגן און אלעס ארום האט גאר פארשווערט די נסיעות. רעבעצין רוזנפעלד האט אנגעפירט די נסיעות אן קיין שום הכנסות פאר זיך, די איינציגסטע פארדינסט איז געווען אז זי האט באקומען אומזינסט דעם טיקעט צו פארן פאר זיך און פאר איר טאכטער וועלכע האט איר צוגעהאלפן מיט דער פארצווייגטער נסיעה.

עס פלעגן אויך מיטפארן פרייע פרויען וועלכע האבן געדארפט ישועות און מופתים פלעגן זיי אויך איינטיילנעמען אין די נסיעות, עס פלעגן זיך טאקע מאכן צווישן זיי עטליכע פרויען וועלכע האבן א צייט דערויף תשובה געטון.

איז פארגעקומען איינמאל ביי אזא נסיעה ווען מען איז געווען עטליכע טעג אין אומאן, האט זיך פארמירט א קבוצה צווישן די קבוצה פרויען וועלכע האבן געוואלט פארן קיין וולעדניק - וואו עס איז נטמן דער בעל שארית ישראל זי"ע - אהין און צוריק - א וועג פון גאנץ אסאך שעות - נישט אלע פרויען האבן געוואלט פארן, איז די טאכטער פון רעבעצין רוזנפעלד אריבער די דירות וואו די פרויען זענען איינגעשטאנען און געפרעגט פון יעדע פרוי באזונדער ווער עס וויל זיך מיטכאפן קיין וולעדניק.



דער ציון אין די ערשטע יארן נאכן זיך עפענען

אין איין דירה איז געווען א פרוי אינגאנצן פריי, איר האט בכלל נישט אינטערעסירט מיטצוקומען, איז מען טאקע געפארן אן איר און זיך ארויסגעלאזט קיין וולעדניק.

אויפצומארגנס ווען די קבוצה פון וולעדניק זענען געקומען צוריק קיין אומאן, האט זיך די פרייע פרוי דערוואוסט אז דער הייליגער צדיק פון וולעדניק האט צוגעזאגט: "ווער עס אנרירן מיין קלאמקע [הענטל פון טיר] וועט באקומען א ישועה", איז זי געווען אויפגעברויזט, היתכן מ'האט איר נישט מיטגענומען, זי האט דעמאלט אויף די מינוט נישט געטראפן די טאכטער פון רעבעצין רוזנפעלד איר צו געבן א פסק פאר'ן נישט מיטנעמען.

אויפן וועג אהיים פון אומאן פארנדיג קיין קיעוו איז די טאכטער ארום צווישן די פרויען, צו מאכן זיכער אז אלע זענען אויפן באס, און אז אלע דאקומענטן וואס פעלן זיך אויס זענען אין באזיץ. אריבערגייענדיג די פרייע פרוי, האט די פרייע געעפנט א מויל מיט צארן: "פארוואס האסטו מיר נישט גענומען צום צדיק פון וולעדניק?! פארוואס האסטו מיר איבערגעלאזט!".




"איך בין געקומען צו דיר אין שטוב און געפרעגט צו דו ווילסט אנטיילנעמען, דו האסט אבער נישט געוואלט!", איז געווען דער אנטווארט פון די טאכטער.

"תירוצים איז מיר נישט אינטערסאנט!" האט די פרייע געזאגט: ווען גלייך דערויף הייבט זי זיך אויף און דערלאנגט א געזונטן פאטש אין פנים פאר דער מיידל!!

די מיידל איז געווען גאנץ א אינג קינד און זיך אויסגעדרייט אויפזוכן די מאמע, וואס דארף זי טון אין אזא צייט?! די רעבעצין רוזנפעלד האט איר אנגעכאפט דאס האנט און געזאגט: "שטיל! האלט זיך שטיל, זעץ זיך אראפ דא נעבן מיר!". איך וויל דו זאלסט גארנישט ענטפערן חס ושלום!!

אנשטאט די רעבעצין זאל נעמען די פרייע פרוי און פארשיקן מיט א טעקסי אויף איר אייגענע קאסטן, אדער איר געבן א פסק אזאנס מיט אזעלעכטס, האט זי ענדערש אויסגעוועלט דעם באקאנטן תורה ר' וואו דער רבי זאגט: "מען זאל הערן די בזיונות און פארשווייגן!!". טראץ וואס די רעבעצין האט קיין רווחים נישט געזען פון דעם גאנצן נסיעה האט זיך אנשטאט געגומען בזיונות - די אמת'ע רווחים! דאס מיידל מיט די רעבעצין האט ווייטער מסדר געווען אלע טעכנישע זאכן ווי גלייך עס וואלט גארנישט פאסירט.

דריי יאר איז אריבער זינט דעם נסיעה, די מיידל רוזנפעלד וועלכע איז שוין געווען א ווייבל האט באגעגענט א פרוי א בעלת תשובה - מיר וועלן איר רופן רות. פרעגט רות: "דו ביסט א טאכטער פון רעבעצין רוזנפעלד?"

"יא", ענטפערט די טאכטער. "הער מיך אויס" זאגט די בעלת תשובה רות: "איך בין מיטגעפארן מיט די נסיעה פאר דריי יאר צוריק, איך האב מיטגעהאלטן דעם סצענע וויאזוי די כאפסט א פאטש און דיין מאמע האט פארשוויגן די מעשה, דאס האט מיר אויפגעוועקט דאס אידישע פינטל און איך האב זיך גלייך צוריקגעקערט צו אידישקייט. נעמענדיג אין חשבון אז נאר פרומע אידן האבן אזא כח זיך צו קענען איינהאלטן און נישט אפענטפערן!!".

עס איז אריבער נאך א יאר און מרת רות האט פארציילט אז די פרוי וואס האט געשלאגן האט זיך אויך צוריקגעקערט צו טאטן אין הימל און געווארן א פולקאמע בעלת תשובה. די טאכטער פון רעבעצין רוזנפלד הערנדיג אז זי האט תשובה געטון, האט זי ארויסגעזאגט מיטן גאנצן הארץ: "מחול לך, מחול לך, מחול לך."

היינט צוטאגס פירן זיי ביידע שיינע ערליכע קינדער געבענטשטע שטיבער.

דער ריינער קוואל המשך פון זייט 1

דֶער תִּיקוּן פַאר'ן חֵטְא פוּן דִי מְרַגְּלִים אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב, זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז דִי רְצוֹנוֹת אוּן כִּסּוּפִים פַארְמָאגְן אַ כֹּחַ אוּן זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס לֵייגְן זִיךְ אוֹיס אִין דֶער לֶענְג אוּן אִין דֶער בְּרֵייט, דִי מְנִיעוֹת אוּן דִי תַּאֲווֹת שְׁטֶעלְן אַ פָּנִים וִוי זֵיי זֶענֶען פֶעלְזְן שְׁטַארְק אוּן מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן.

מִיר וַוייסְן אָבֶער פוּן רֶבִּי'נְס גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה, "רָצוֹן"! מִיט אַ שְׁטַארְקְן ווִילְן קֶען מֶען מַאכְן לֵייטֶערְס אוּן אָנְקוּמֶען בִּיזְן הִימְל אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "עָלֹה נַעֲלֶה". ר' נָתָן דְּרִיקְט זִיךְ אוֹיס: "עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין שׁוּם מְנִיעָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיט חֵשֶׁק אוּן רְצוֹנוֹת קֶען מֶען אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען!" (ברכת הריח ה')

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת צוּ יֶעדֶע דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה אוּן מִיר זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיסְזָאגְן מִיט'ן מוֹיל אַלֶעס וָואס מִיר ווִילְן אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶעם, אַזוֹי וֶועט פַארְרַאכְטְן וֶוערְן דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים אוּן בְּקָרוֹב וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּם בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דָאס פְּלַאץ פוּן רְצוֹנוֹת אוּן בֶּענְקֶענִישְׁן, אָמֵן וְאָמֵן

בְּעֶזְר הַשֵּׁם

לָאמִיךְ עֶנְק פַּארְצֵיילְן פוּן דִי פִינְף חֲבֵרִים, יַעֲנְקִי, נַחְמָן, אַיְזִיק, חַיִּים אוּן שְׁלֹמֹה. בְּרֶסְלֶבֶע אִינְגְלֶעךְ, בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי ווִי אֵיינְס!! פוּן צַייט צוּ צַייט זֶעצְן זֵיי זִיךְ צוּזַאמֶען אוּן מֶען זוּכְט עֵצוֹת ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם אוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. אוּנְז הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט סוֹף פוּן זֵייעֶר שְׁמוּעֶס...

אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ אוֹיךְ טְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע חֲבֵרִים??!! נָא גֶעגַאנְגֶען..

מַאךְ אַ תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֶועסְט בְּעֶזְר הַשֵּׁם טְרֶעפְן!!




צדיקל וואס טראכסטו? ווען איז א גוטער צייט און פלאץ פאר דיר פאר התבודדות??